# דעם רבינ'ס ליכט

ויקהל - שקלים
תשפ"ב
גליון 82



**אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער**

הָאט אִיר גֶעהֶערְט דִי פְּרִישֶׁע נַייעֶס?! נֵיין?!

דִי וָואךְ וֶועט מֶען בְּעֵזֶר הַשֵּׁם חוּץ פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ אוֹיךְ לֵיינֶען דִי קְרִיאָה פוּן "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פוּן אָנְהֵייבּ זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת גֶעוֶוען פוּן פֶּסַח, ווייל אַלֶע מִצְוֹת זֶענֶען זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם אָבֶּער הַיינְט..."

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וָואס אִיז הַיינְט... אָבֶּער ר' נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פוּרִים. אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן פוּרִים! אוּן שְׁקָלִים אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע הֲכָנָה פַאר פוּרִים, קוּמְט אוֹיס אַז דִי שַׁבָּת אִיז דֶער הַתְחָלָה פוּן אַלֶע הַתְחָלוֹת.

מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דִי גַאנְצֶע נֵס פוּן פוּרִים אִיז גֶעוֶוען בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זֶענֶען אוּנְז מְגַלֶה אַז וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן צֶען טוֹיזְנְט זִילְבֶּערְנֶע כִּכָּר פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ צוּ הַארְגֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם דִי אִידְן, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אוּן גֶעזָאגְט: "רָשָׁע! כְּבָר קָדְמוּ שִׁקְלֵיהֶם לִשְׁקָלֶיךָ" דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעפֶּעדֶערְט אוּן גֶעגֶעבְּן שְׁקָלִים נָאךְ פַאר דַיינֶע שְׁקָלִים!

וָואס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל - אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף אוֹיסְזֶען דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל? בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט אִים בַּאוִויזְן "זֶה יִתְּנוּ".

ר' נָתָן גִיבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה.




"שְׁקָלִים" אִיז פוּן לָשׁוֹן "מִשְׁקָל" - אַ "וָואג-שָׁאל", אַזוֹי וִוי אַ וָואג פוּן דִי פַארְצַייטִישֶׁע אַמָאל, אַ כַּף מֹאזְנַיִם וָואס בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט אַהֶער אָדֶער אַהִין, עֶס שְׁטֵייט פוּנְקְט אִינְמִיטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ אִיד שְׁטֵיין אִין עֲבוֹדַת ה'. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן גָאר קְלֵיין אוּן נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער פוּן דֶער צְוֵוייטֶער זַייט דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן קַיין שׁוּם שְׁטֶער.

אַ אִינְגֶל דַארְף זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן:

המשך אויף זייט 8

# אַ ריכטיגער פורים שמועס

**בֶּערְל:** פַּייוויל אויף וואס גייסְטוּ זיך פַארְשְׁטֶעלְן פּוּרִים?

**פייוויל:** אויף אַ לֵץ!

**בֶּערְל:** אַ לֵץ?! וויאַזוֹי זֶעט אויס אַ לֵץ?

**פייוויל:** אַזוֹי ווי אִיךְ זֶע אויס אַ גַאנְץ יָאר!

**בֶּערְל:** דוּ בִּיסְט אַ גַאנְץ יָאר אַ לֵץ?

**פייוויל:** נָאךְ ווִי!! אִיךְ קֶען מַאכְן פּוּרִים פוּן גְרוֹיסֶע רוֹיבֶּערְס. אִיךְ ווִישׁ זֵיי אָפּ, מִיט אֵיין ווִיץ, אָבֶּער אַ גוּטְס!

**בֶּערְל:** אִיךְ דֶערְשְׁרֶעק מִיךְ שׁוֹין, מִיט ווֶעלְכֶע שְׁווִינְדְלֶערְס הָאסְטוּ צוּטוּן?

**פייוויל:** מִיטְן גְרֶעסְטְן שְׁווִינְדְלֶער! מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע אַלֵיין!

עֶר אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁווֶער יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג מִיר אוֹיפְצוּרֶעגְן, אָפְּשְׁרֶעקְן, אָפְּזָאגְן, אוֹיסְפָּאפְּן, אַיינְרֶעדְן. בִּיז סוֹף טָאג נָאכְן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁווֶער, אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע אָנְגֶעפְּרָאסְן מִיט עַצְבוּת אוּן יֵאוּשׁ וואס עֶר אַלֵיין הָאט צוּגֶערֶעדְט פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. עֶר ווֶערְט אַזוֹי אָנְגֶעשְׁווָאלְן אוּן אָנְגֶעפַּאשְׁעט אַז עֶס רִינְט אִים פֶּעטְנְס פוּן זַיין בָּארְד, (אוֹיב עֶר הָאט בִּכְלַל... אֶפְשָׁר אַ גֶעשְׁוִירֶענֶע...)

**בֶּערְל:** מִיט וואס אִיז עֶר אָנְגֶעשְׁווָאלְן דֶער יֵצֶר הָרָע?!

**פייוויל:** מִיט עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וואס עֶר שְׁלִינְגְט אַיין. עֶס קְווֶעטְשְׁט אִים אִין בּוֹיךְ. אוּן אַסַאךְ מָאל בְּלַייבְּט אִים עֶס שְׁטֶעקְן אִין זַיין הַאלְז, ווַייל עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין זַיין בּוֹיךְ.

**בֶּערְל:** אִיז ווִי אַזוֹי גִיבְּסְטוּ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַזַא יֵצֶר הָרָע?

**פייוויל:** דוּרְךְ לֵיצָנוּת!

**בֶּערְל:** תַּכְלִית! וואס אִיז דַיין אוֹיפְגַאבֶּע אַלְץ לֵץ, אִיךְ בִּין שׁוֹין נַייגֶערִיג?!

**פייוויל:** הֶער מִיךְ אוֹיס. אִיךְ בִּין דָאךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד - אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר, אִיךְ בַּאגְרִיס מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן מִיט זַייעֶר רְשׁוּת גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין מַיין צִימֶער, אִיךְ צִינְד אָן דִי מוּזִיק אוּן מְ'גֵייט אַ....

**בֶּערְל:** רְקוּדֶה'לֶע... אִיךְ טַאנְץ מִיט מִיט דִיר פַּייוויל...

**פייוויל:** דָא קוּמְט אַרַיין דִי לֵיצָנוּת. דוּ הֶערְסְט?! דִי אַלֶע עַצְבוּת וואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט, שְׁלֶעפּ אִיךְ אַרַיין אִינֶעם טֶענְצְל. אוּן מִיטְ'ן גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווֶערְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ שִׂמְחָה אוּן צוּ זְכִיּוֹת, אַזוֹי אַז עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בַּיים יֵצֶר הָרָע אִין בּוֹיךְ!

**בֶּערְל:** וואס?! דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶעכְט עֶס אוֹיס?!

**פייוויל:** נָאךְ ווִי עֶר בְּרֶעכְט... ווִי אַ שִׁכּוֹר פּוּרִים נָאכְמִיטָאג. עֶר בְּרֶעכְט אוּן בְּרֶעכְט אוּן בְּרֶעכְט... בִּיז עֶר ווֶערְט אַיינְגֶעדַארְט, ווִי אַ פַארְפוֹילְטֶע צְווִיבְּל!



זָאג מִיר בֶּערְל, בִּין אִיךְ נִישְׁט קַיין לֵץ?! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז נָאר לֵיצָנוּתָא פוּן עֲבוֹדָה זָרָה מֶעג מֶען! פוּן זֵיי דַארְף מֶען מַאכְן לֵיצֵי לֵיצָנוּת!

**בֶּערְל:** אַזוֹי גְרִינְג ווֶערְט אוֹיסְגֶעמֶעקְט עַצְבוּת?

**פייוויל:** בֶּערְל! נָאר אָן לֵיצָנוּת!! אִיךְ פָאלְג מַיין רֶבִּי, עֶר הֵייסְט




קִינְדֶערְלֶעךְ מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. מִיר הָאבְּן אַ סְפֶּעצְיֶעלְן מַתָּנָה, וַוייל אוּנְז, אַלְס בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים הָאבְּן מִיר דֶער "שַׁבָּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן", וַוייל דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין זֹּהַר הַקָּדוֹשׁ "אַנְתְּ הוּא שַׁבָּת דְכוּלְהוּ יוֹמֵי", עֶר אִיז אַלֶע טָאג שַׁבָּת'דִיג!

לָאמִיר זֶען נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה וְויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּם שַׁבָּת. אָבֶּער דָאסְמָאל אִיז עֶס נִישְׁט בַּיים רֶבִּי'ן אִינְדֶערְהֵיים מִיט זַיינֶע שֵׁיינֶע לַייכְטֶער אוּן צוּגֶעגְרֵייטֶע טִישׁ.

עֶס אִיז עֶרֶב שַׁבָּת שִׁירָה. דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, אַז דְרַיי שַׁבָּתִים אִין יָאר פָארְט עֶר צוּ דִי חֲסִידִים - אֵיינְמָאל אִין יָאר פְלֶעגְט עֶר פָארְן קַיין טְשֶׁערִין, אוּן אֵיינְמָאל אִין טִירָאווִויצֶע. דִי שַׁבָּתִים פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן תּוֹרָה בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

דָאסְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְנְט צוּ פָארְן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. הָאט אִיר קִינְדֶערְלֶעךְ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַזַא נָאמֶען? אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נָאמֶען, בַּאלְד וֶועט אִיר הֶערְן אַ נָאמֶען פוּן אַ שְׁטָאט, וָואס אִיז נָאכְמֶער מָאדְנֶע...

אוֹיפְן וֶועג צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעהַאלְטְן. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּם שַׁבָּת אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ זֵיי ווילְן אָנְקוּמֶען, אוּן דִי פֶּערְדֶעלֶעךְ זֶענֶען שׁוֹין פַּארְמַאטֶערְט. מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָּשׁ פַאר לֶעכְט-צִינְדְן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ אוֹיפְן וֶועג!

דֶער רֶבִּי, וַוייל אַז דִי פֶערְד זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען שְׁטֶערְקֶער לוֹיפְן, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט דֶערְבַּיי... דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט יֶענֶע מִינוּטְן אַזוֹי וִוי אִין אַ חָלוֹם וָואס גֶעשֶׁעט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען ווִיל אַנְטְלוֹיפְן אוּן מֶען קֶען בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶעשְׁפִּירְט אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין חִלּוּל שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דֶער פַּחַד וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען פִירְט אֵיינֶעם אִין גֵיהִנֹּם - אַזַא פַּחַד הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט פוּן אַ חֲשַׁשׁ עֶר זָאל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף חִלּוּל שַׁבָּת חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ פַארְבְּלַייבְּן אִינֶעם נָאנְטְן שְׁטֶעטֶעלֶע "הָאלָאוְוקִיוְוקֶע" וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

דֶער רֶבִּי מִיט דִי חֲסִידִים גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ פְּרֶעמְדֶע גוֹי'שֶׁע שְׁטוּבּ אִין דֶערְפְל. מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא גֶעפִיל דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעהַאט וֶוען אַלֶעס אִין שְׁטוּבּ אִיז טְרֵייף. נִישְׁטָא קַיין מְזוּזוֹת אוֹיף דִי טִיר, אֲפִילוּ אַ טִישְׁטוּךְ אוֹיף שַׁבָּת אִיז נִישְׁטָא. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ נָאר גֶעצֵיילְטֶע חֲסִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מִיט אִים מִיטְגֶעקוּמֶען. אוֹיךְ זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע חֲסִידִים וֶועלְכֶע הָאבְּן אָפְּגֶעוָוארְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיפְן וֶועג.

קִינְדֶערְלֶעךְ, וְויאַזוֹי גֵייט מֶען צוּגְרֵייטְן אַ טִישׁ פַאר אַזַא הֵיילִיגְן צַדִּיק? אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער'ס וֶועגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוֹיפְן שַׁבָּת. זֵיי

המשך אויף זייט 8

# ~ דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

## ~11~




הָאט דֶער גִבּוֹר גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם מֶלֶךְ, מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט.

הָאט דֶער גִבּוֹר גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ גִיהֶערְט, אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דֶער שְׁוֶוערְד, דוּרְךְ דֶעם קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִיעֶנְפֶערְט יָא סֶע אִיז אַזוֹי.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט דֶעם גִבּוֹר. (דִי זַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען קָאן דוּרְךְ דֶעם וֶועג זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט) בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם וֶועג וִוי עֶר גֵייט צוּ דֶער שְׁוֶוערְד, אִיז פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג אִין דֶער זַייט. קוּמְט מֶען מִיט דֶעם וֶועג צוּ אֵיין פַייעֶרְדִיקִין בַּארְג, אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג לִיגְט אַ לֵייבּ. אוּן דֶער לֵייבּ אַז עֶר בַּאדַארְף עֶסִין גֵייט עֶר אוּן פַאלְט אוֹיף דִי טְשֶׁערְדֶעס אוּן נֶעמְט זִיךְ שָׁאף אוּן בְּהֵמוֹת אוּן עֶסְט זֵיי אוֹיף. אוּן דִי פַּאסְטִיכִיס וֵויסִין דֶערְפוּן. אוּן זֵיי הִיטִין זֵייעֶר דִי שָׁאף פַאר אִים. לוּשְׁמִיר דֶער לֵייבּ קוּקְט גָאר דְרוֹיף נִיט. נָאר אַז עֶר ווִיל עֶסִין פַאלְט עֶר אוֹיף דִי טְשֶׁערִידֶעס. אוּן דִי פַּאסְטִיכִיס קְלַאפִּין אוּן שְׁלָאגִין אוּן שְׁטוּרְמִין אוֹיף אִים. לוּשְׁמִיר דֶער לֵייבּ הֶערְט דָאס גָאר נִיט. נָאר עֶר נֶעמְט זִיךְ שָׁאף אוּן בְּהֵמוֹת. אוּן בְּרוּמְט אוּן עֶסְט זֵיי. אוּן דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר זֶעהְט מֶען גָאר נִיט (כְּלוֹמֶר סֶע אִיז דָארְט פַארְהַאנְדִין אַ בַּארְג פוּן פַייעֶר. נָאר מֶע זֶעהְט אִים נִיט).

אוּן וִוידֶער פוּן דֶער זַייט אִיז נָאךְ פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג. קוּמְט מֶען מִיט דֶעם וֶועג צוּ אֵיין אָרְט וָואס סֶע הֵייסְט קֶעךְ. אוּן דָארְט אִין דֶער קֶעךְ אִיז פַארְהַאנְדִין אַלִירְלֵיי מַאֲכָלִים. אוּן אִין דֶער קֶעךְ אִיז קֵיין שׁוּם פַייעֶר נִיט פַארְהַאנְדִין. נָאר דִי מַאֲכָלִים וֶוערִין גִיקָאכְט דוּרְךְ דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר הַנַּ"ל אוּן דֶער בַּארְג פוּן פַייעֶר אִיז פוּן דָארְט זֵייעֶר וַוייט. נָאר סֶע גֵייעֶן שְׁטֶעשְׁקִיס אוּן אַזוֹ וִוי רִינְוֹויס פוּן דֶעם בַּארְג פוּן פַייעֶר צוּ דֶער קֶעךְ. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערִין גִיקָאכְט אַלֶע מַאֲכָלִים הַנַּ"ל.

אוּן דִי קֶעךְ זֶעהְט מֶען אוֹיךְ גָאר נִיט אַרוֹיס. נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ סִימָן. סֶע שְׁטֵייעֶן דָארְטִן פֵייגִיל אוֹיף דֶער קֶעךְ. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֵוייסְט מֶען אַז דָארְט אִיז דִי קֶעךְ אוּן דִי פֵייגִיל פָּאכִין מִיט דִי פְלִיגִיל. אוּן דוּרְךְ דֶעם צִינְדִין זֵיי אָן דָאס פַייעֶר אוּן פַארְלֶעשִׁין דָאס פַייעֶר. דְהַיְינוּ דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי פֵייגִיל פָּאכִין דוּרְךְ דֶעם בְּלָאזִין זֵיי אוֹיף אוּן צוּנְדִין אָן דָאס פַייעֶר. אוּן וִוידֶער טַאקֶע דוּרְךְ זֵייעֶר פָּאכִין פַארְלֶעשִׁין זֵיי דָאס פַייעֶר אַז דָאס פַייעֶר זָאל נִיט פְלַאמֶען צוּ שְׁטַארְק מֶער אֵיידֶער מֶע בַּאדַארְף. אוּן זֵיי בְּלָאזִין אוֹיף דָאס פַייעֶר וֶועדְלִיג מֶע בַּאדַארְף צוּ דִי מַאֲכָלִים דְהַיְינוּ צוּ דֶעם מַאֲכָל בַּאדַארְף מֶען אַזוֹי אַ פַייעֶר. אוּן צוּ אֵיין אַנְדֶער מַאֲכָל בַּאדַארְף מֶען אֵיין אַנְדֶער פַייעֶר. אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם מַאֲכָל אַזוֹי בְּלָאזִין דִי פֵייגִיל אוֹיף דָאס פַייעֶר. (דָאס דֶערְצֵיילְט אַלְץ דֶער מֶלֶךְ דֶעם גִבּוֹר).

בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֵיי פִירִין (דְהַיְינוּ דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין) פְרִיר אַקֶעגִין ווִינְט. כְּדֵי דֶער

רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. זָאל זֵיי פַארְגֵייעֶן. דֶערְנָאךְ אַז דוּ וֶועסְט זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים. וֶועלִין זֵי שׁוֹין בְּוַודַאי אַוֶועק וַוארְפִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

הָאט דֶער גִבּוֹר אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי דָאזִיגֶע לַייט. דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין אִין זֵייעֶר מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַהֶער גִיקוּמֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה כַּנַּ"ל אוּן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר מְדִינָה מִיט דֶעם מְמוּנָה הָאבִּין זֵיי דִי מְדִינָה כֹּחַ גִיגִיבְּן. אַז וָואס זֵיי וֶועלִין טָאן זָאל זַיין גִיטָאן. אוּן גָאר דִי מְדִינָה מוּז צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַלִימֶען וָואס זֵי וֶועלִין טָאן.

הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען דִי לַייט. אוּן הָאט זֵיי גִיפִּירְט אִין דֶעם וֶועג. (וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גִיזָאגְט כַּנַּ"ל) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיבְּרַאכְט בִּיז דֶער קֶעךְ וָואס דָארְט זֶענֶען דִי מַאֲכָלִים. אוּן פְרִיר הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אַ קֶעגִין וִוינְט אִיז זֵיי פַארְגַאנְגֶען דֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים אָנְגִיהוֹיבִּין זֵייעֶר צוּ בֶּעטִין אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט פוּן דֶעם וִוינְט. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן. סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גִיבְּרַאכְט אַקֶעגִין וִוינְט. אִיז זֵיי וִוידֶער פַארְגַאנְגֶען דֶער גוּטֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים וִוידֶער זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גִיפִירְט פוּן דֶעם וִוינְט הָאבִּין זֵיי וִוידֶער אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שְׁרַייעֶן סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר ווִילְד.

הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי אָנְגִירוּפִין. אִיר זֶעהְט זִיךְ אַז סֶע אִיז דָא גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל שְׁטִינְקֶען. מוּז בְּוַודַאי זַיין אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס. וָוארְן דָא אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל הָאבִּין אַ רֵיחַ רַע.

דֶערְנָאךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים. וִוי זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין אַוֶועק צוּ וַוארְפִין פוּן זִיךְ דָאס גֶעלְט. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ אוֹיסגִיגְרָאבִּין אַ גְרוּבּ. אוּן הָאט זִיךְ בַּאגְרָאבִּין אִין דֶעם גְרוּבּ מַחְמַת גְרוֹיס בּוּשָׁה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִישֶׁעמְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין דֶערְפִילְט וִוי דָאס גֶעלְט שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. וַוייל זֵיי הָאבִּין פַארְזוּכְט פוּן דִי מַאֲכָלִים.

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ צוּרִיסִין דָאס פָּנִים אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּאגְרָאבִּין. אוּן הָאבִּין דָאס פָּנִים גָאר נִיט גִיקָאנְט אוֹיף הֵייבִּין. אוּן אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערִין הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט. (וָוארִין אַזוֹי אִיז דִי סְגוּלָה פוּן דִי מַאֲכָלִים. אַז וֶוער סֶע עֶסְט פוּן דִי מַאֲכָלִים הָאט עֶר זֵייעֶר פַּיינְט גֶעלְט) וָוארִין דָארְט אִין דֶעם אָרְט. אִיז דָאס גֶעלְט דִי גְרֶעסְטֶע בּוּשָׁה פוּן אַלֶע בּוּשׁוֹת. אוּן אַז אֵיינֶער וִויל דֶעם אַנְדֶערִין עֶפֶּעס אוֹיס וַוארְפִין. וַוארְפְט עֶר אִים אוֹיס דוּ הָאסְט גֶעלְט. וָוארִין גֶעלְט אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה אוּן וָואס אֵיינֶער הָאט מֶער גֶעלְט שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶער. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ בַּאגְרָאבִּין מַחְמַת גְרוֹיס בּוּשָׁה. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט אוֹיף הֵייבִּין דָאס פָּנִים אַפִילוּ פַאר דֶעם אַנְדֶערִין. מִכָּל שֶׁכֵּן. פַאר דֶעם גִבּוֹר. אוּן וֶוער סֶע הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ גִיפוּנֶען עֶפֶּעס אֵיין גִילְדִין אָדֶער אַ גְרָאשִׁין הָאט עֶר אִים מְבַעֵר גִיוֶוען פוּן זִיךְ תֵּיכֶּף אוּן עֶר הָאט אִים אַ וָוארְף גִיטָאן פוּן זִיךְ.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי גִיקוּמֶען אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע גְרִיבֶּער וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאגְרָאבִּין פַאר בּוּשָׁה. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט קוּמְט מִיט מִיר. וָוארִין הַיינְט בַּאדַארְפְט אִיר שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין פַאר דֶעם גִבּוֹר. וָוארִין אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין דֶער גִבּוֹר.

הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים כְּדֵי זֵיי זָאלִין פִירִין אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. וָוארִין זֵיי אַלֵיין וֶועלִין שׁוֹין בְּוַודַאי פַּיינְט הָאבִּין גֶעלְט. לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין גִיוָואלְט אַז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זָאלִין אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. הָאט דֶער גִבּוֹר זֵיי גִיגִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים.

הָאבִּין זֵיי גִיפִירְט דִי מַאֲכָלִים אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. אוּן תֵּיכֶּף וִוי זֵיי הָאבִּין זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אַלֶע תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין אַוֶועק צוּ וַוארְפִין זֵייעֶר גֶעלְט



המשך אויף זייט 6

אוּן הָאבִּין זִיךְ בַּאגְרָאבִּין אִין דֶער עֶרְד פַאר גְרוֹיס בּוּשָׁה. אוּן דִי גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים אוּן דִי גָאטִין. הָאבִּין זִיךְ מֶער גִישֶׁעמְט. אוּן דִי קְלֵיינֶע לַייט וָואס זֵיי פְּלֶעגִין הֵייסִין בַּיי זֵיי חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גִישֶׁעמְט נָאךְ וָואס זֵיי זֶענֶען בִּיז אַהֶער בַּיי זִיךְ אַזוֹי קְלֵיין גִיוֶועןְ וַוייל זֵיי הָאבִּין קֵיין גֶעלְט נִיט. וָוארִין הַיינְט הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גֶעוִויסְט, אַז אַדְרַבָּא פַארְקֶערְט, גֶעלְט אִיז דֶער עִיקָר בּוּשָׁה. וָוארִין דִי מַאֲכָלִים הָאבִּין אִין זִיךְ אַזוֹי אַ סְגוּלָה אַז וֶוער סֶע עֶסְט פוּן דִי מַאֲכָלִים. אִיז עֶר זֵייעֶר מְמַאֶס גֶעלְט. וָוארִין עֶר פִּילְט דֶעם רֵיחַ רַע פוּן גֶעלְט אַזוֹי וִוי פוּן טִינוּף פּוּנְקְט. הָאבִּין זֵיי אַלֶע אַוֶועק גִיוָוארְפִין זֵייעֶר גֶעלְט. אוּן זֵייעֶר גָאלְד אוּן זִילְבֶּער.

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. הָאט עֶר זֵיי אוֹיס גִיגִיבְּן תְּשׁוּבוֹת אוּן תִּיקוּנִים. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִירֵיינִיקְט אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן גָאר דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ אוּם גִיקֶערְט צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶועןְ נָאר אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים: אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן.

סֶע שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אֵיין אוֹיבִּין אִין דֶעם אָרְט אוּן דָאס פַייעֶר אִיז אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בִּישַׁעְיָה ל"א): "נְאוּם ה' אֲשֶׁר אוֹר לוֹ בְּצִיּוֹן וְתַנוּר לוֹ בִּירוּשָׁלַיִם":

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַאפִּיטְל יְשַׁעְיָה ל"א ע"ש.

דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט אִיז אַזוֹי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר. דֶער מְמוּנָה עַל הָאוֹצְרוֹת מִיט דֶעם חָכָם. דֶער מֵלִיץ מִיט דֶעם אוֹהֵב נֶאֱמָן. דִי בַּת מַלְכָּה מִיט דֶעם קִינְד. דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶער מַלְכָּה. אוּן זֵיי זֶענֶען צֶעהְן זַאכִין. וָואס דִי צֶעהְן פַאר רֶעכְטִין גָאר דִי וֶועלְט. אוּן נֶעמֶען אַרוֹיס אִיטְלִיכְן פוּן זַיין נַארִישְׁקֵייט. אוּן קֶערִין אוּם אַלֶע צוּם רֶעכְטִין אֱמֶת.

א ריכטיגער
## פורים שמועס

המשך פון זייט 2

בִּפְשִׁיטוּת טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, בִּפְרָט אִין חֹדֶשׁ אֲדָר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעטַאנְצְן, קֶען אִיךְ זִיךְ שׁוֹין גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אָפְּגֶעבְּן אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס אִיז דֶער אֱמֶת'ער לֵץ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן מִיר.

**בֶּערְל:** וָואס דוּ הָאסְטוּ אֵיינֶער וָואס פַארְמֶעסְט זִיךְ מִיט דִיר?!

**פַייוִויל:** יָא, עֶר אִיז אַ לֵץ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַ עֶרְלִיכֶער לֵץ, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר מִיר!

**בֶּערְל:** אוּהַא! דָאס אִיז אַ גוּטְס!

**פַייוִויל:** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל צַייט יֶעצְט... אִיךְ דַארְף גֵיין זָאגְן אַבִּיסְל 'לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת' אוֹיף פּוּרִים, אָבֶּער אִין אֵיין וָוארְט. אַלֶע אַזֶעלְכֶע סָארְטְן גֶעפִילְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט דִיךְ אַיין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִינְגְל, דוּ טָארְסְט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, בִּיזְט אַ פָּאפֶּער, אַלֶעס אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ע לֵיצָנוּת אוּן אַ דִּמְיוֹן וָואס דֶער בַּעַל דָבָר (בַּעַל דִּמְיוֹן) רֶעדְט דִיר אַיין מִיט זַיין גֶעשְׂלִיפְן 'לֵיצָנוּת' צִינְגְל..

**בֶּערְל:** אָקֶעי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי.

**פַייוִויל:** דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ וִויל אִיךְ דִיר פַארְצַיילְן עֶפֶּעס גֶעשְׁמַאקֶע סְחוֹרָה, פוּן חֶבְרָה לֵצִים, אָבֶּער לֵצִים!

**בֶּערְל:** אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן...

טַאטֶע, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים, אוּן גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דּוֹרוֹת, נִסִּים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי אוּן אֶסְתֵּר, וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אִידְן. וָואס דֶער נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז צוּאוִויסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז "אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶּער דִי טֶעג פוּן פּוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן".

אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט.... (אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים)

רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק,
אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן
מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה

**אַ תְּפִלָּה פַאר פּוּרִים**

# די צוועלעפטע מעשה (11) - פון דער בעל תפילה (סוף)

**א. וועלכע חי' איז דא אויף דעם פייערדיגן בארג?**
- ❑ א לעמפערט
- ❑ א בער
- ❑ א לייב

**ב. וואס טוהט די חי' ווען די פאסטעכער שטורמען אויף אים?**
- ❑ ער ווערט זייער דערשראקן
- ❑ ער אנטלויפט גלייך
- ❑ ער נעמט די בהמות און ברומט און עסט זיי

**ג. וואס איז דא אויף די אנדערע וועג?**
- ❑ א קעך
- ❑ א לייב
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וויאזוי ווערן געקאכט די עסן אין קאך?**
- ❑ דורך די פייער וואס איז דא אין קאך
- ❑ דורך די בארג פון פייער
- ❑ דורך די היץ פון די זון

**ה. וויאזוי ווייסט מען וואו ס'איז די קאך?**
- ❑ ווייל ס'איז גאר א הויכע בנין
- ❑ ווייל מ'שמעקט די גרוך פון די עסן
- ❑ ווייל עס שטייען דארטן פייגעלעך

**ו. וויאזוי טוהט מען אנצינדן און פארלעשן די פייער פון קאך?**
- ❑ דורך א ספעציעלער צינדער
- ❑ דורך די פייגעלעך וואס פאכן מיט די פליגלעך
- ❑ עס ווערט פון זיך אליינס

**ז. וואס האט דער קעניג געזאגט ערשט צו טוהן מיט די מענטשן פון מדינה של עשירות?**
- ❑ זיי קודם געבן צו עסן פון די קעך און נאכדעם צו גיין קעגן די ווינט פון קעך
- ❑ זיי קודם צו טראגן קעגן די ווינט פון קעך און נאכדעם זיי צו געבן עסן פון די קעך
- ❑ זיי זאלן קודם ארויסווארפן די געלד און נאכדעם זיי צו געבן עסן פון די קעך

**ח. וואס האבן זיי געזאגט ווען ער האט זיי געפירט קעגן די ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ט. וואס האבן זיי געזאגט ווען ער האט זיי געפירט פון דעם ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**י. וויפיל מאל האט ער זיי געפירט א קעגן דעם ווינט?**
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**יא. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געגעסן פון די עסן פון די קאך?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן אוועקווארפן די געלד
- ❑ זיי האבן זיך באגראבן פאר בושה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס איז די גרעסטע בושה אין יענע פלאץ?**
- ❑ פריילעכקייט
- ❑ ארימע קליידער
- ❑ געלד

**יג. וואס האט דארטן געטוהן ווער ס'האט געטראגן ביי זיך געלד?**
- ❑ האט דאס אוועק געלייגט פאר ווען ער וועט דאס דארפן
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר זיין חבר
- ❑ ער האט עס מבער געווען און אוועק געטון פון זיך

**יד. וואס האבן זיי נאכדעם געבעטן פון דעם גבור?**
- ❑ אז ער זאל זיי געבן א וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל קומען צו זייער מדינה ווערן קעניג
- ❑ אז ער זאל זיי געבן פון די עסן צו טראגן אין זייער מדינה

**טו. וואס איז די סגולה פון די עסן, אז ווער ס'עסט פון דעם?**
- ❑ ווערט געלד נישט אזוי חשוב ביי אים
- ❑ איז ער ממאס געלד
- ❑ איז ער זייער ממאס געלד

**טז. שאלת חכמה: אין וועלכע קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ ישעי' ב'
- ❑ ישעי' ל'
- ❑ ישעי' ל"א

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

המשך פון זייט 1

"בַּאשֶׁעפֶּער, זֵיי מִיר מְזַכֶּה צוּ אֶמֶת'ע עֲנָוָה, אִיךְ זָאל וִויסְן מַיין שִׁפְלוּת מִיט אַן אֶמֶת, אָבֶּער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אוּן וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְפִילָה, נָאר אִיךְ זָאל זַיין פֶּעסְט אוּן שְׁטַארְק מִיט מַיין אִידִישְׁקֵייט וָואס אִיךְ טוּ, אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע הַאלְבֶּע פְּעֻלָּה וָואס אִיךְ טוּ".

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים אוּן עֶס זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן דִי אַלֶע וֶועלְכֶע וִוילְן מְיָאֵשׁ זַיין אוּן שְׁטֶערְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן לָאזְן נִישְׁט רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זֵיי אַלֶע זָאלְן וֶוערְן בָּטֵל וּמְבֻטָּל אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דִי אַלֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּפְרָט דִי הוֹיפְּט עֵצָה וָואס אִיז "מַעְלָה עֶלְיוֹנָה מִן הַכֹּל" זִיךְ צוּ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט אִין טָאג אוּן גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע רוּאִיגֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס וֶועט זִיכֶער מְקָרֵב דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.




המשך פון זייט 3

הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ עֶסְן פְּרָאסְטֶע חַלָּה פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ וֵוייץ וָואס דִי פּוֹיעֶרְן עֶסְן, אוּן מַאכְן קִדּוּשׁ אוֹיף חַלָּה. אֲפִילוּ דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּעכֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט דָא, אוּן אַוַודְאַי נִישְׁט קַיין וֵויין אָדֶער בְּרוֹינְפְּן. אָפְּגֶערֶעדְט פוּן פִּישׁ אוּן פְלֵייש, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין מֶעסֶער צוּ שְׁנֵיידְן דִי חַלָּה, וֶוער טְרַאכְט בִּכְלַל פוּן טֶעלֶערְס אוּן לֶעפְלֶעךְ. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם שַׁבָּת.

אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע זֶענֶען אַלֶע חֲסִידִים זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען פוּן עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, זֵיי וִוילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶּער דֶער רֶבִּי קוּמְט נִישְׁט אָן! דֶער רֶבִּי וֶועט נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פַארְרֶעכְטְן דִי תִּקּוּנִים וָואס עֶר טוּט אוֹיף וֶוען עֶר זָאגְט תּוֹרָה. נִישְׁט נָאר פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דֶערְבַּיי בַּיים הֶערְן דִי תּוֹרָה וֶוערְן פַארְרָאכְטְן נָאר אוֹיךְ אַלֶע דוֹרוֹת, מִיר אַלֶע אוּן אוֹיךְ דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת, אַלֶעמֶען הָאט דֶער רֶבִּי אִינְזִין וֶוען עֶר זָאגְט תּוֹרָה.

דֶערְפַאר טַאקֶע יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זָאגְן תּוֹרָה, אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ עֶר הָאט גֶעטוּן בְּצִבּוּר וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע לַייט, פְּלֶעגְט עֶר שְׁפִּירְן דִי פַּחַד וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר וֶוען מֶען גֵייט אִין שׁוּל צוּ כָּל נִדְרֵי. אַזַא שְׁרֶעק הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב וֶוער עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ גְרֵייטְן צוּ זָאגְן תּוֹרָה בְּרַבִּים.

מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי אַלֶע סוֹדוֹת וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּם רֶבִּי'ן. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צוּפַאל אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט פַארְבְּלַייבְּן דָא אִין הָאלַאוְוקִיוּקֶע. אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֶעקְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז פוּל מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת.

אָבֶּער מִיר קִינְדֶערְלֶעךְ זִיצְן יֶעצְט אִין שְׁטוּב בַּיי דִי גֶעדֶעקְטֶע שַׁבָּת טִישׁ, מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, לָאמִיר אַלֶע פְרֵיילִיךְ זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה "שַׁבָּת קוֹדֶשׁ". מִיר וֶועלְן זִינְגֶען שֵׁיין זְמִירוֹת, זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶסְן אֵיידֶל אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט נֶעבְּן גָאר אַ גְרוֹיסְן חָשׁוּבְ'ן אִיד! אוּן אַז מֶען וִויל קֶען מֶען מַאכְן 'כִּבּוּד אָב וָאֵם' אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן דֶעם שֵׁיינֶעם מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

גוּט שַׁבָּת